# פרשת שלח

**בס"ד**

**. משיחת ח"י תשרי, אור לג' דחוהמ"ס תשמ"א** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

## עשרת המבצעים

...און מ'גייט בקרוב ממש, דורך דער הכנה פון אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, וואס דאס איז דער ענין פון אהבת ישראל, און דאס פועל'ט אויף אים אז ניט נאר ער לערנט וועגן דעם און טראכט וועגן דעם, נאר דאס פועל'ס אין דעם אמת'ן חינוך אז ער ווערט אזוי נתחנך –

פועל'ס דאס אויף אים דער ענין פון תורה – שלימות התורה,

דער ענין פון תפילין [לאחרי חוה"מ ויו"ט ושבת] וואס הוקשה כל התורה כולה לתפילין, וואס דא איז דאך דאס געמיינט מצוות.

דער ענין פון מזוזה, וואס דאס פועל'ט, ווי ער זאגט אין זהר, הוי' ישמור צאתך ובואך מעתה ועד עולם,

און ווי ער טייטשט אפ אין זהר, אז בשעת ער האט א כשר'ע מזוזה אויף זיין הויז, איז אט דעמאלט אפילו ווען ער גייט ארויס פון הויז היט דאס אים, ניט דער פארמעט פון דער מזוזה – נאר עס היט אים הוי', דער אויבערשטער אליין היס אים, מעתה ועד עולם.

און דאס ברייינגט אים צו דעם ענין פון צדקה, ווארום ער ווארט דאך ומחכה בכל יום צו ער צדקה פון דעם אויבערשטן אז אט קומט משיח צדקנו, ובמדה שאדם מודד – האט ער דעם ענין של צדקה,

וואס דא איז אויך פארבונדן דורך דערויף וואס זיין גאנצע הויז, אלע זיינע ענינים, אלע זיינע אברים, ביז זיין הויז בפשטות, איז מלא ספרים – יבנה וחכמי' וואס ענינה פון יבנה וחכמי' איז דאך נתייסד געווארן זיך אנגעהויבן ערשט צוזאמען מיטן חורבן, מיטן גלות, און דוקא דעמאלס איז געווארן דער ריבוי אין לימוד התורה און די שקו"ט ופלפולא דאורייתא, כמובן בפשטות.

וואס דאס איז דאך אלץ מיוסד אויף די דריי מצוות חביבות וגדולות ביותר, וואס זיינען איבערגעגעבן במיוחד צו נשי ישראל ובנות ישראל, וואס דער ר"ת זייערער איז "החן",

דער ענין פון חלה, וואס דערמיט הויב ט זיך אן און דאס איז כולל אין זיך כשרות האכו"ש,

דער ענין פון

הדלקת הנר של כל אשה ובת בישראל, אז א קליינע מיידעלע ווען זי איז הגיעה לחינוך, און מ'קען איר געבן צו פארשטיין וואס איז דאס נר שבת – האט זי שוין דעם כח, און האט שוין די שליחות פון דעם אויבערשטן, אויף מאכן ליכטיק בא זיך אין הויז,

און פון דער הויז און דורך דער ליכטיקייט אין דער הויז – עפנט מען אויף א טיר, ווארום מ'דארף דאך אויך ליכטיק מאכן חלקו בעולם, אבער דאס איז א סיר אויף וועלכע ס'איז אנגעקלאפט א מזוזה – לאזט דאס ניט אריין די השפעה בלתי רצוי', די ניט געוואונטשענע ווירקונגען פון חוץ אין



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

פנים, דאס איז אבער ממלא תפקידה די טיר אז דורך איר גייט ארויס די ליכטיקייט פון אידישקייט אין רה״ר.

און אויך דער ענין פון טהרת המשפחה, וואס דורך דערויף ווערט געבויט דער אידישער פאלק, ווארום מ׳פירט א חיים קדושים, א ריינעם פאמיליע לעבן און א הייליקן פאמיליע לעבן,

במילא

באווייזט זי אויך א לעבעדיקן ביישפיל אין המעשה הוא העיקר, אז ביי איר אין הויז איז א ״שמחת עולם״, אן אמת׳ע און א שטענדיקע שמחה, ווארום ס׳איז דא אינגעלעך און מיידעלעך וואס קליינווייז שפילן זיי זיך, און שפילן זיך אין אן אופן הכשר,

דערמאנענדיק, ווי באוואוסט דער סיפור פון בעש״ט, דערציילט פון נשיא דורנו פון רבי׳ן דעם שווער, אז דער בעש״ט איז ארומגעגאנגען איבער פעלדער און וועלדער און אידישע שטעטלעך,

און פלעגט אפשטעלן א אידישן מאנסביל, א אידישע פרוי, א אידישן קינד א אינגעלע אדער א מיידעלע, און א פרעג טאן בא זיי וואס זיי מאכן אדער וואס זיי טוען וכיו״ב, כדי צו גורם זיין ווי א אידיש קינד ענטפערט ״געלויבט דער אויבערשטער״, אדער דער וואס רעדט אין לשון הקדוש ״ב״ה״ וכיו״ב.

אנהויבנדיק אז אזוי פירט זיך א אי אין הויז, אז ס׳איז אן אמת׳ע שמחה און א שטענדיקע שמחה, דערפאר וואס דער ענין פון ומלאו את הארץ הויבט זיך אן ביי איר – ביי איר איז א פולע הויז מיט אמת׳ע אידישע וואוילע קינדערלעך, במילא איז דאס אויך מלא ברכת ה׳, גיט דער איבערשטער בני חיי ומזונא רויחי, ובכולם רויחי,

דאס איז דאך די עשרת מבצעים הידועים ומפורסמים, און טאן אין דערויף ווי עס דארף צו זיין, דאס הייסט, בשמחה ובטוב לבב, ובמילא שטערט ניט אט דאס וואס ס׳איז דא ח״ו מלעיגים, אז איינער גיט א שמייכל און דער צווייטער איז ״באפם הרגו איש״ – ער קרימט מיטן נאז,

זאגט מען אז דאס איז א קרימקייט און אז דאס איז היפך פון שויתי הוי׳ לנגדי תמיד, וואס דאיס איז מבטל דעם יבוש מפני המלעיגים, ווי דער אנהויבס אין דעם ערשטן חלק אין שו״ע, אין דעם ערשטן חלק – דעם ערשטן סימן, אין דעסם ערשטן סימן – אין דעם ערשטן סעיף, דער שויתי הוי׳ לנגדי תמיד, צוזאמען מיטן אנזאל אל יבוש מפני המלעיגים,

וואס דאס איז דאך ביידע זאכן – סיי אן אנזאג סיי א הבטחה, אז ער וועט אשליסן אזוי איז א זיכערע זאך אז ער וועט זיך ניט שעמען פאר די מלעיגים, ואדרבה, ווי מ׳זעט בפועל, אז דער מלעיג זעט אז ער שטייט מיט א שטארקייט – שטעמט ער זיך פאר אים,

און דערנאך אז עס גייט דורך א ווילע, איז ער דאך א איד גייט ער אים נאך און בעט זיך ביי אים אז ער זאל אים אויך באווייזן דעם ״אורח חיים״ וואס דאס איז זיין ערשטער סימן און ערשטער סעיף, ווי אזוי ער זאל גיין אין זיין טאג טעגליכן לעבן,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.